בעזרת השם יתברך

קוּנְטְרֵס

# אַ פְרֵיילִיכֶער לֶעבְּן

דִי לֶעבְּן אִיז אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ אוּן מֶען מַאכְט יֶעדְן פְּרֵיילִיךְ, אִיבֶּערְהוֹיפְּט אַ אִינְגֶערְמַאן נָאךְ דִי חַתוּנָה וֶוען עֶר בּוֹיעֶט אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק **מוֹהֲרָא"ש** זיע"א

מְלַוֶּה מַלְכָּה מוצש"ק לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן,
אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְּלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְּרוּק דוּרְךְ
חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב – נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# אַ פְרֵיילִיכֶער לֶעבְּן

## א

### יֶעדֶער טְרֶעפְט זִיךְ אִין דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר סְפָרִים

**פוּן** וואו וֵוייסְט דֶער מְחַבֵּר פוּן דֶעם סֵפֶר וָואס אוֹיף מִיר גֵייט דוּרְךְ? אַזוֹי פוּנְקְטְלִיךְ צוּ־טְרֶעפְן?! יֶעדֶער אִיד וֶוען עֶר זָאגְט תְּהִלִּים שְׁפִּירְט עֶר אַז עֶס מֵיינְט אִים, עֶר טְרֶעפְט זִיךְ אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק, פוּן וואו קוּמְט דָאס? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עג), דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעמַאכְט זַיין סֵפֶר תְּהִלִּים מִיט אַזַא הוֹיעֶכְן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּן פוּן אַזַא הוֹיכֶע פְּלַאץ, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זִיךְ טְרֶעפְן אִין דֶעם, אוּן יֶעדֶער שְׁפִּירְט אַז עֶס רֶעדְט צוּ אִים. דִי זֶעלְבֶּע וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ זֶעט

מֶען אוֹיךְ בַּיי דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶוער עֶס קוּקְט אִין דֶעם אַרַיין טְרֶעפְט זִיךְ דָארְטְן, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג אָפְּוואוּנְדֶערְן וִוי אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוִויסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס אוֹיף מִיר גֵייט דוּרְךְ? דָאס אִיז וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט זַיינֶע תּוֹרוֹת מִיט אַזַא מוֹרָא׳דִיגְן הוֹיעֶכְן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּן מִיט אַזַא כְּלָלִיּוּת (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן שסב), אַז עֶס נֶעמְט אַרַיין יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אִין דִי וֶועלְט אוּן יֶעדְן מַצָב אִין דֶער וֶועלְט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע סֵפֶר אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט זִיךְ אִין דֶעם, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער סֵפֶר אִיז נִתְחַבֵּר גֶעוָוארְן מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אַנְדֶערְשׁ וִוי אַזוֹי טְרֶעף אִיךְ מִיךְ אִין דֶעם?!

### נִישְׁט זִיךְ אַוֶועקְרִירְן פּוּן אַ סְעִיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ

**פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן** הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: אִיר קֶענְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר וִוי אַזוֹי אִיר ווִילְט, אָבֶּער פוּן אֵיין קְלֵיינֶע סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאלְט אִיר נִישְׁט

אַוֶועקְגֵיין. דָאס הֵייסְט מֶען קֶען אִינֶעם רֶבִּי׳נְס תּוֹרוֹת זָאגְן וִויפִיל פְּשָטִים מֶען וִויל, יֶעדֶער הָאט רֶעכְט צוּ זָאגְן אַ פְּשַט אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס סֵפֶר אוּן מֶען קֶען נִישְׁט לַאכְן פוּן דֶעם, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין פְּשַט וִוי אַזוֹי עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיטְן רֶבִּי׳נְס וֶוערְטֶער אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט אַוֶועקְמַאכְן, אֵיין זַאךְ נָאר נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

### וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת

**דֶער** שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף [רַבֵּינוּ יוֹסֵף קַארוֹ], עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען אַ מַגִּיד פוּן הִימְל אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אִים תּוֹרָה, אִין דֶער זְכוּת וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶר הָאט גֶעקֶענְט אָפְּלֶערְנֶען אוֹיף אֵיינְמָאל דְרַייסִיג פֶערְצִיג אוּן אַמָאל פוּפְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אַנְטְפְּלֶעקְט צוּ אִים דֶער מַגִּיד אוּן אִים גֶעזָאגְט סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, קוֹדֶם זֶעט מֶען פוּן דֶעם

אַז וִוי גְרוֹיס דֶער בֵּית יוֹסֵף זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אִיז עֶר אָבֶּער נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען (תְּהִלִּים ל, ד) הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי - דוּ בַּאשֶׁעפֶער הָאסְט מִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן מִשְׁנָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועט אִים דִי מִשְׁנַיוֹת אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיין טִיפְן בְּלָאטֶע אִין וואוּ עֶר לִיגְט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי שְׁטַארְק מִשְׁנַיוֹת לוֹיטֶערְט אוֹיס דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד, אֲפִילוּ בַּיים אָנְפַאנְג לִיגְט מֶען אִין אַ מוֹרָא׳דִיגְן פוּנְסְטֶערְן בְּלָאטֶע, דָאךְ הָאט מִשְׁנַיוֹת אַ כֹּחַ אַרוֹיסְצוּשְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דָארְט.

### צוּגֶעוואוֹינֶען פוּן יוּנְגֶערְהֵייט צוּ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת

**דֶערְפַאר** אַז מֶען גֶעוואוֹינְט צוּ יוּנְגֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי פַארְשְׁמִירְט זֵיי זָאלְן נָאר נִישְׁט זַיין, וֶועט

דִי כֹּחַ פוּן מִשְׁנַיוֹת זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בְּלָאטֶע וואוּ זֵיי זֶענֶען, אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען גֶעוואוֹינְט צוּ יוּנְגֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, וֶועט דָאס זֵיי אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, מֶען דַארְף בַּיי דֶעם בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, נָאר שׁוֹין אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן זִיךְ אַיינְקוֹיפְן מִיט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, דֶעמָאלְטְס וֶועט דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן הָאבְּן אַן אַנְדֶערְן פָּנִים.

### שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַ אִיד גֵייט צוּזַאמֶען

**אִין** דֶעם סֵפֶר מַגִיד מֵישָׁרִים (עַיֵין בַּהַקְדָמָה), שְׁרַייבְּט דֶער בֵּית יוֹסֵף, אַז אֵיינְמָאל הָאט אִים דֶער מַגִיד מְגַלֶּה גֶעוֶוען, אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְפַאסְן אַ סֵפֶר וָואס עֶס וֶועט וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען בַּיי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיז טַאקֶע דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס אִין דֶעם אִיז קָאנְצֶענְטְרִירְט אַלֶע הֲלָכוֹת פַאר הַיינְטִיגֶע צַייטְן, אוּן דָאס אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן בַּיי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז וִוילַאנְג אַ אִיד פִירְט זִיךְ לוֹיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ וַוייסְט מֶען אַז

עֶר אִיז אַ אִיד, אָבֶּער ווִי נָאר עֶר רִירְט אָן דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֵוייסְט מֶען אַז עֶפֶּעס טוֹיג שׁוֹין נִישְׁט, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן. נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן אַ גַאנְצֶער סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַז אוֹיבּ אַ סְעִיף קָטָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ טָאר מֶען נִישְׁט אָנְרִירְן, אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז פוּן אַ גַאנְצֶער סִימָן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְרִירְן, דֶער מְחַבֵּר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אֵיין גַאנְצֶער סִימָן (שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוֹרַח חַיִּים סִימָן ש), וואוּ עֶס שְׁטֵייט נָאר דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה, אוּן אֵיין גַאנְצֶער סִימָן (שָׁם סִימָן תיט) וואוּ עֶס שְׁטֵייט נָאר דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, בַּיי מְלַוֶה מַלְכָּה זָאגְט דֶער מְחַבֵּר: לְעוֹלָם יְסַדֵּר אָדָם שֻׁלְחָנוֹ בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת כְּדֵי לְלַווֹת אֶת הַשַּׁבָּת אֲפִילוּ אֵינוֹ צָרִיךְ אֶלָּא לִכְזַיִת – מֶען דַארְף מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוּגְרֵייטְן אַ סְעוּדָה לְכָבוֹד מְלַוֶה מַלְכָּה אֲפִילוּ מֶען קֶען נִישְׁט עֶסְן מֶער פוּן אַ כְּזַיִת. בַּיי רֹאשׁ חוֹדֶשׁ זָאגְט דֶער מְחַבֵּר: מִצְוָה לְהַרְבּוֹת בִּסְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ - עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ פַארְמֶערְן מִיט סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. דֶערְפַאר בַּיי אַזָא פַאל אַז

עֶס קוּמְט זִיךְ צַאם בֵּיידֶע צוּזַאמֶען סֵיי סְעוּדַת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוּן סֵיי מְלַוֶּה מַלְכָּה, דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְֿרֵייעֶן.

### דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן עֶסְן מְלַוֶּה מַלְכָּה

**מִיר** גֶעפוּנֶען וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אַנְטְלָאפְֿן פוּן עֵשָׂו קַיין חָרָן, אִיז עֶר אִינְמִיטְן וֶועג אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיפְֿן פְּלַאץ פוּנֶעם הַר הַמּוֹרִיָּה, דָארְט אִיז גֶעוֶוען דִי עֲקֵדָה פוּן יִצְחָק, וואוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין זַיין זוּן יִצְחָק פַאר אַן קָרְבַּן עוֹלָה, דָארְט הָאט מֶען שְׁפֶּעטֶער גֶעבּוֹיעֶט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ הָאט עֶר זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי אַ לֵייטֶער שְׁטֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן עֶס קוּמְט אָן בִּיזְן הִימְל, גֶעטְלִיכֶע מַלְאָכִים גֵייעֶן דָארְט אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית כח, יב): וַיַּחֲלוֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה וְגוֹ'. זָאגְן צַדִּיקִים אַז דֶער לֵייטֶער וַוייזְט אוֹיף סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה, 'סֻלָּם' אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת סְ'עוּדַת לְ'וָיַת מַ'לְכָּה, 'מֻצָּב אָרְצָה', עֶס זֶעט טַאקֶע אוֹיס

אַ גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶע סְעוּדָה פוּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶן, אָבֶּער ׳וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמַיְמָה׳, דָאס מַאכְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶער רוֹשֶׁם אִין הִימְל, אַז אַ אִיד גֶעבְּט אַכְטוּנְג יֶעדֶע וָואךְ צוּ עֶסְן סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן, מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער סְגוּלָה פַאר אַ פְרוֹי וָואס וַוארְט אַ קִינְד זִי זָאל זוֹכֶה זַיין גְרִינְג צוּ הָאבְּן, זִי זָאל מַקְפִּיד זַיין זִיךְ צוּ וַואשְׁן יֶעדֶע מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוּ סְעוּדַת מְלַוֶּה מַלְכָּה אֲפִילוּ נָאר אוֹיף אַ כַּזַּיִת, דָאס אִיז מְסוּגָל זִי זָאל הָאבְּן גְרִינְג אַ קִינְד.

### דַיין לֶעבְּן וֶועט זִיךְ וִוי אַזוֹי דוּ טְרַאכְסְט

מִיט וָואס אִיז טַאקֶע מְלַוֶּה מַלְכָּה אַזוֹי גְרוֹיס? נָאר עֶס אִיז בַּאוְוִיסְט אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד טוּט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ אַז עֶר טְרַאכְט נָאר אַ גוּטֶער גֶעדַאנְק, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז אִיךְ זָאל יֶעצְט גֵיין אִין מִקְוֶה, אִיךְ זָאל יֶעצְט אֶפְשָׁר גֵיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אָדֶער אַז אִיךְ זָאל הַיינְט לֶערְנֶען חוּמָשׁ

מִשְׁנַיוֹת גְמָרָא מֶדְרָשׁ, פוּן דִי מַחֲשָׁבָה וֶוערְט שׁוֹין בַּאשַׁאפְן אַ מַלְאָךְ, אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט פָאר וָואס טְרַאכְטְן אִיז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן מו; לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן קיד): וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואס זַיין מַחֲשָׁבָה טוּט אוֹיף, וָואלְט עֶר מוֹרָא׳דִיג אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן צוּ טְרַאכְטְן נָאר גוּטֶע זַאכְן. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן כא): פוּן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז אַזוֹי גוּט וָואס אִיז דָא בִּכְלַל צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, בִּיז עֶר מָשָׁל׳ט זִיךְ אוֹיס אַז עֶר אִיז שׁוֹין אִין גַן עֵדֶן, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז טַאקֶע פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר אִיז טַאקֶע אִין גַן עֵדֶן, פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם גֶעלוּנְגְט פַארְן סַמֶ״ךְ-מֶ״ם אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁרֶעק אוּן אַ צֶעמִישֶׁענִישׁ, עֶר זָאל מוֹרָא הָאבְּן פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם, דֶער מֹחַ הֵייבְּט אִים אָן פְלִיעֶן אַז דֶער וֶועט

מִיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּן יֶענֶער וֶועט מִיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּן, עֶס וֶועט זַיין אַזוֹי אוּן עֶס וֶועט זַיין אַזוֹי, אָדֶער אַז עֶר הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן אַז דִי לֶעבְּן אִיז אִים בִּיטֶער אוּן פוּנְסְטֶער, אוֹיבּ לָאזְט עֶר זִיךְ נָאכְגֵיין דִי סָארְטְן מַחֲשָׁבוֹת, נֶעמֶען אִים טַאקֶע דִי מַחֲשָׁבוֹת אִיבֶּער, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דִי לֶעבְּן אִיז אִים טַאקֶע בִּיטֶער אוּן פוּנְסְטֶער, בִּיז עֶר לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין אַ טִיפְן גָלוּת, וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וִוי אַזוֹי מֶען טְרַאכְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ריא), דֶער עִיקָר אִיז דִי מַחֲשָׁבָה, פוּן וואוּ דִי מַחֲשָׁבָה טְרַאכְט דָארְטְן אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

### רֶעדְן פוּן שִׂמְחָה

**אָבֶּער** כְּדֵי מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת מוּז מֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶעם דִיבּוּר, זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַז מֶען רֶעדְט נָאר גוּטֶע זַאכְן, מֶען דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נָאר רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג פוּן שִׂמְחָה, מִיט וֶועם מֶען טְרֶעפְט זִיךְ זָאל מֶען רֶעדְן פוּן שִׂמְחָה, אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט יֶעדְן

אֵיינֶעם וֶועגְן זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ אַלֵיין אוֹיךְ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפד): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט מִיט אַ צְוֵוייטְן גֵייט פוּן אִים אַרוֹיס אַ לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס הֵייסְט 'אוֹר יָשָׁר', אָבֶּער אַסַאךְ מָאל קוּקְט אוֹיס וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ וַואנְט, עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס וִוי יֶענֶער אִיז יֶעצְט דֶערְבֵּיי אוּן עֶר כַאפְּט בִּכְלַל וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער רֶעדְן מִיט אִים, וֶועט עֶר דִיר אוֹיסְהֶערְן אִיז גוּט, אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט כָאטְשׁ דִי וֶוערְטֶער צוּרִיק קְלַאפְּן צוּ דִיר, עֶס וֶועט זַיין אַ לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס קוּמְט צוּרִיק, דָאס הֵייסְט 'אוֹר חוֹזֵר', אַז עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן בַּיי יֶענֶעם וֶועט עֶס כָאטְשׁ אוֹיפְטוּן בַּיי דִיר.

## מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד

**דֶערְפַאר** אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד, אַז דוּ זֶעסְט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער אִיד זַיי אִים מְחַזֵק, זָאג אִים: הָאבּ

נִישְׁט קַיין מוֹרָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט נָאךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם מַצָב. מְחַזֵק זַיין אַ אִיד אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן קו): אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל – ווָאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְש וָואס גֶעבְּט אַרַיין שֵׂכֶל אִין אַן אָרִימַאן; דָאס הֵייסְט אַז מֶען זֶעט אֵיינֶעם וָואס אִיז אָרֶעם אִין שֵׂכֶל, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרָאכְן, עֶר גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערְן מַצָב, אַז מֶען שְׁטַארְקְט אִים אוּן מֶען מוּטִיגְט אִים, הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא, עֶס וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵׁם אַלֶעס זַיין גוּט, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי וֶוערְטֶער טוּעֶן אוֹיף, דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן הִתְחַזְקוּת נֶעמֶען אִים טַאקֶע אַרוֹיס פוּן בְּלָאטֶע, אָבֶּער אֲפִילוּ אִין אַ פַאל וִוי יֶענֶער אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי גֶעפַאלְן, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ אַזוֹי מְיוּאָשׁ אַז עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל זֶען עֶפֶּעס גוּטְס אִין לֶעבְּן, אַז עֶר קֶען שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דִי חִיזוּק וֶוערְטֶער, דָאךְ אִיז נָאךְ אַלְץ כְּדַאי צוּ רֶעדְן, וַוייל דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען רֶעדְט מִיט אַ צְוֵוייטְן וֶועקְט זִיךְ אוֹיף בַּיי

דֶער מֶענְטְש אַלֵיין וָואס רֶעדְט דָאס, בִּיז יֶעצְט אִיז דָאס גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאפְן בַּיי אִים יֶעצְט וֶועט זִיךְ דָאס אוֹיפְוֶועקְן, עֶר אַלֵיין וֶועט זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

### מְחַזֵק זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ

**אַז** מֶען רֶעדְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְחַזֵק זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד, אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז וֶוען עֶס קוּמְט מְחַזֵק צוּ זַיין דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט חֲתוּנָה אוּן עֶר בּוֹיעֶט אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, דַארְף עֶר אַוַודַאי נָאר רֶעדְן פוּן שִׂמְחָה, נָאר פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ, שְׁטֶענְדִיג בַּארוּאִיגְן אוּן מְחַזֵק זַיין אַז אַלֶעס וֶועט זַיין גוּט, אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף וִויסְן אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָה אִיז דָא אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן וְשִׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ - דִי גַאנְצֶע עֶרְשְׁטֶע יָאר דַארְף מֶען נָאר פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ (דְבָרִים כד, ה). עֶס לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיף אַן אִינְגֶערְמַאן פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן זַיין וַוייבּ, פּוּנְקְט אַזוֹי

ווִי עֶר דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ לֵייגְן תְּפִלִין, עֶר דַארְף נִזְהָר זַיין מִיט צִיצִית, מִיט שַׁבָּת, מִיט ד׳ מִינִים, מִיט סוּכָּה, אַזוֹי דַארְף עֶר נִזְהָר זַיין מִיט דִי מִצְוָה פוּן וְשִׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ, גָארְנִישְׁט טוּן נָאר פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי שְׁטוּבּ, אֲפִילוּ אֵיינֶער וֶועט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי שְׁטוּבּ אַז אִיךְ הָאבּ צָרוֹת? הֶעלְפְט דָאס נִישְׁט זִיךְ צוּ פַּטְרְ׳ן פוּן דִי מִצְוָה, פוּן אַ מִצְוָה קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן זָאגְן: ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הִיטְן שַׁבָּת אַז אִיךְ הָאבּ צָרוֹת? יֶעדֶער אִיד וֵוייסְט אוּן פַארְשְׁטֵייט אַז אוֹיף יֶעדְן פַאל הִיט מֶען שַׁבָּת, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן דִי וַוייבּ.

## פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ שַׁבָּת

**אוֹיבּ** דַארְף מֶען אַגַאנְצֶע וָואךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִינְדֶערְהֵיים, אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אַז מֶען דַארְף זַיין אוֹיסְטֶערְלִישׁ פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ, שַׁבָּת אִיז דִי הֶעכְסְטֶע

צַייט פוּן דִי וָואךְ, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן שַׁבָּת קֶען מֶען נִיטְאַמָאל מַסְבִּיר זַיין, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן יז), **אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בַּאטָאנְט אַז עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען אִין סֵפֶר רֵאשִׁית חָכְמָה (תְּחִלַּת שַׁעַר הַקְּדוּשָּׁה), וואוּ עֶר רֶעדְט פוּן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן שַׁבָּת, כְּדֵי דִי הַארְץ זָאל וֶוערְן אָנְגֶעצִינְדְן צוּ אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם שַׁבָּת מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן שִׂמְחָה (עַיֵּין שָׁם).

## מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אִין שַׁבָּת

**צַדִיקִים** הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז שַׁבָּת הָאט אִין זִיךְ אַ מַעֲלָה וָואס אִיז נִישְׁטָא בַּיי קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה, וָואס אִיז דִי מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲלָה פוּן שַׁבָּת? אַז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרַיין אִין שַׁבָּת, צוּ עֶר ווִיל יָא צוּ עֶר ווִיל נִישְׁט וֶוען שַׁבָּת קוּמְט אַרַיין טְרֶעפְט עֶר זִיךְ אִין שַׁבָּת, דָאס גֶעפוּנְט מֶען נִישְׁט בַּיי קַיין שׁוּם מִצְוָה, אֲפִילוּ בַּיי דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה וָואס צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז מֶען גֵייט אַרַיין אִין

דֶעם אִינְגַאנְצְן, דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ מִיט דִי שְׁטִיוְול גֶעפוּנְט זִיךְ אִין דִי סוּכָּה, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי נִידְרִיג אוּן וִוי פַּארְגְרֶעבְּט עֶר זָאל זַיין, אֲפִילוּ דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וִוי נָאר עֶר גֵייט אַרַיין אִין סוּכָּה אִיז עֶר מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, דָאךְ אִיז אָבֶּער נָאךְ דָא אוֹיף דֶעם אַ בְּחִירָה, עֶר דַארְף וֶועלְן אַרַיינְגֵיין אִין סוּכָּה, אָבֶּער אוֹיב צוּלִיבּ סֵיי וָואסְפַּארַא סִיבָּה הַאלְט עֶר נִישְׁט יֶעצְט בַּיים גֵיין אִין סוּכָּה, הָאט עֶר נִישְׁט דִי מִצְוָה, בַּיי שַׁבָּת אִיז אִינְגַאנְצְן נִישְׁטָא קַיין בְּחִירָה, שַׁבָּת אִיז אַזַא לֶעכְטִיגֶע מַתָּנָה אַז ווִיפִיל עֶס קוּמְט דֶער זְמַן פוּן שַׁבָּת אִיז מֶען שׁוֹין אִין שַׁבָּת, צוּ דוּ ווִילְסְט יָא צוּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט בִּיסְטוּ אִין שַׁבָּת, מֶען דַארְף נָאר אוֹיפְמַאכְן דִי אוֹיגְן צוּ זֶען אַז מֶען אִיז אִין שַׁבָּת, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת טז, כט): רְאוּ כִּי הַוַיָ׳ נָתַן לָכֶם אֶת הַשַּׁבָּת - דוּ דַארְפְסְט זֶען אַז דוּ בִּיסְט אִין שַׁבָּת.

## משֶׁה רַבֵּינוּ רוּפְט אוֹים אַז עֶס קוּמְט שַׁבָּת

חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת דַף י׳ ע״ב): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר משֶׁה, ׳מַתָּנָה טוֹבָה יֵשׁ לִי בְּבֵית גְּנָזַי׳ - אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע מַתָּנָה צוּ גֶעבְּן פַאר דִי אִידְן, ׳לֵךְ וְהוֹדִיעֵם׳ - גֵיי זֵיי עֶס מוֹדִיעַ פַאר זֵיי, דִי נָאמֶען פוּן דִי מַתָּנָה אִיז שַׁבָּת. וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ מוֹרָא׳דִיגֶער חִידוּשׁ (עַיֵּין שְׂפַת אֱמֶת כִּי תִשָּׂא תרל״ז ותרנ״ח), אַז דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר משֶׁה, עֶר זָאל גֵיין מוֹדִיעַ זַיין פַאר אִידְן דִי גוּטֶע מַתָּנָה פוּן שַׁבָּת, דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס אֵיין מָאל, דָאס גֶעשֶׁעהט יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת נָאכְאַמָאל, יֶעדֶע וָואךְ הֶערְט יֶעדֶער אִיד פְרִישׁ דֶעם קוֹל פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס וֶועקְט אִים אוֹיף אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין צוּ גֵיין דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כו), אַז משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַלֶע אֵיבָרִים פוּן אַ אִיד, עֶר אִיז מְחַזֵּק יֶעדְן אִיד צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת פוּן בַּאשֶׁעפֶער. אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת,

וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז עֶר זָאל מוֹדִיעַ זַיין דִי שֵׁיינֶע מַתָּנָה פַאר דִי אִידְן, אַז עֶר קוּמְט אוּן עֶר אִיז דָאס מוֹדִיעַ.

### בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הִיט שַׁבָּת

**אַז** אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ אַגַאנְצְן שַׁבָּת, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גוֹי, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט קַיין מְחַלֵל שַׁבָּת, בַּאשַׁאפְט עֶר מִיט דֶעם אָן אַ שִׁיעוּר מַלְאָכִים, יָא, נָאר מִיטְן טְרַאכְטְן אַלֵיין בַּאשַׁאפְט עֶר שׁוֹין מוֹרָא׳דִיגֶע הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים, בִּפְרַט אַז אַ אִיד אִיז אִין גָלוּת צְוִוישְׁן גוֹיִם, עֶר זֶעט וִוי גוֹיִם פָארְן שַׁבָּת, רֵייכֶערְן שַׁבָּת, אָדֶער טוּעֶן סַיי וֶועלְכֶע מְלָאכוֹת אוּם שַׁבָּת, קֶען עֶר זִיךְ עֶקְסְטֶער שְׁטַארְק מְחַיֶה זַיין, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אִיךְ טוּ נִישְׁט דִי מְלָאכוֹת אוּם שַׁבָּת, אוּן וָואס דִי שִׂמְחָה טוּט אוֹיף קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, נִישְׁט אוּמְזִיסְט זָאגְן חֲזַ״ל (שַׁבָּת קיח, ע״ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ הִיט שַׁבָּת אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת. וָואס

פַּאסִירְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אוּן עֶר טוּט רַחֲמָנָא לִיצְלָן עֲבֵירוֹת? עֶס וֶוערְט אַ צְוִוישְׁנְשַׁייד צְוִוישְׁן אִים אוּן בַּאשֶׁעפֶער (יְשַׁעְיָה נט, ב), דָאס הֵייסְט אַז עֶר שְׁפִּירְט מֶער נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז דָא אַזוֹי וִוי אַ מְחִיצָה צְוִוישְׁן אִים אוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער שַׁבָּת אִיז דָא אַזַא גִּלוּי אֱלֹקוּת, שַׁבָּת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי אָפְּן (זֹהַר יִתְרוֹ דַף פ״ח), אַז יֶעדֶער הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אֵיינֶער שְׁפִּירְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע תְּשׁוּבָה (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן לה), בַּיי אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁטָא מֶער קַיין עֲווֹנוֹת.

## שַׁבָּת דַארְף מֶען עֶסְן אוּן זַיין פְּרֵיילִיךְ

**אַז** אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַ גַאנְץ שַׁבָּת נָאר פוּן שִׂמְחָה, עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ פַאלְן פוּן גָארְנִישְׁט, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, וַוייל דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן שַׁבָּת אִיז וֶוען מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ שַׁבָּת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה

בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו – אַז אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה אִיז אַ סִימָן אַז דִי הַארְץ אִיז אִים רֵיין. וואו אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה פוּן שַׁבָּת, וָואס מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט אִינְוֶועסְטִירְן אִין דֶעם נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן לב): אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט אוּנְז שׁוֹין (שְׁמוֹת טז, כה): קִינְדֶערְלִיךְ עֶסְט! אוּן דָאס קֶען מֶען שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין. דֶער בַּאשֶׁעפֶער בֶּעט פוּן אוּנְז סַךְ הַכֹּל אַז מֶען זָאל עֶסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, בַּיינַאכְט אִינְדֶערְפְרִי אוּן שָׁלוֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, דָאךְ קֶען מֶען שׁוֹין דָאס אוֹיךְ נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין, דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (יִתְרוֹ פח, ע"א): אוֹיבּ אֵיינֶער פַארְפֶעלְט אֵיינְס פוּן דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת דַארְף מֶען שׁוֹין נָאכְזוּכְן אִין דִי אֱמוּנָה, עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט מִיט דִי אֱמוּנָה.

### דִי שָׂטָן צִיטֶערְט אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת

**אִין** פַאקְט זֶעט מֶען אַז אִין שַׁבָּת אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶער סַמֶ"ךְ-מֶ"ם

פַארְאַרְבֶּעט דֶעמָאלְטְס אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שִׂמְחָה קַיין שָׁלוֹם, וַוייל אַז עֶר כַאפְּט צוּ דֶעם שַׁבָּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועט שׁוֹין אַגַאנְצֶע וָואךְ אוֹיךְ אַזוֹי זַיין, אוּן דָאס אִיז אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶער גֶעוִוינְס, דָאס אִיז דָאךְ זַיין אַרְבֶּעט צוּ צֶעשְׁטֶערְן דִי שִׂמְחָה אוּן שָׁלוֹם בַּיִת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רסג), דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ צֶעשְׁטֶערְן דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת, דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ-מֶ"ם הֵייבְּט זִיךְ דֶער עִיקָר אָן אוּם עֶרֶב שַׁבָּת, דַאן מַאכְט עֶר זִיכֶער אַז עֶס זָאל זַיין עֶפֶּעס אַ מַחֲלֹקֶת אִין שְׁטוּבּ, מֶערְסְטֶענְס פוּן הוֹילֶע נַארִישְׁקֵייטְן, כְּדֵי מֶען זָאל אַרַיינְגֵיין אִין שַׁבָּת מִיט מַחֲלֹקֶת, מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן זִיךְ בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, אַזוֹי אַרוּם רֶעדְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט צוּזַאמֶען, מֶען לֶעבְּט שׁוֹין נִישְׁט צוּזַאמֶען בְּשָׁלוֹם, וָואס דָאס אִיז פַארְן סַמֶ"ךְ-מֶ"ם דֶער גְרֶעסְטֶער גֶעוִוינְס, וַוייל שַׁבָּת אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע צַייט צוּ לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּשָׁלוֹם (עַיֵּין שַׁעַר הַפְּסוּקִים לְהָאֲרִיזַ"ל פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, עַל פָּסוּק וְשָׁמְרוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת), אוּן דָאס וִויל דֶער סַמֶ"ךְ-

מֶ"ם נָאר צֶעשְׁטֶערְן, דֶערִיבֶּער מַאכְט עֶר זִיכֶער אַז שַׁבָּת זָאל אַרַיינְגֵיין מִיט קְרִיגֶערַיי, וִוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (גִּיטִּין נב, ע"א), אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן וָואס יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת הָאט זִיךְּ דָארְט גֶעמַאכְט עֶפֶּעס אַ גְרוּדֶער, מַאן אוּן וַוייבּ הָאבְּן זִיךְּ גֶעקְרִיגְט אוּן גֶעשְׁלָאגְן אִין שְׁטוּבּ, הָאט זִיךְּ רֶבִּי מֵאִיר מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז אַהִין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, פַארְשְׁטֶייט זִיךְּ אַז רֶבִּי מֵאִיר אִיז דָארְטְן הָאט מֶען זִיךְּ גֶעשֶׁעמְט צוּ קְרִיגְן, נָאכְן זַיין דָארְט עֶטְלִיכֶע וָואכְן עֶרֶב שַׁבָּת, הֶערְט מֶען פְּלוּצְלִינְג אַ קוֹל [פוּנֶעם שָׂטָן] וָואס זָאגְט: וֵויי אִיז פַאר מִיר אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיךְּ פוּן דָא אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן.

**וִוי אַזוֹי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם שַׁבָּת רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְּ**

**אִין** יֶעדְן שְׁטוּבּ פַאר שַׁבָּת פְּרָאבִּירְט דֶער סַמֶ"ךְ-מֶ"ם אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ נֶערְוֶועזְקֵייט אוּן אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, בֶּאֱמֶת מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל וָואלְט מֶען דָאס גֶעקֶענְט פַארְמַיידְן, לְמָשָׁל אַז אַ אִינְגֶערְמַאן

זֶעט אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט רֵיין אוּן מְסוּדָר אִין שְׁטוּבּ, אַנְשְׁטָאטְס צוּ אָנְהוֹיבְּן מִיט אַ רֵייעֶ טַעֲנוֹת אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן מַאכְן קְרִיגֶערֵייעֶן, זָאל עֶר עֶנְדֶערְשׁ אַרוֹיפְצִיעֶן דִי אַרְבֶּל אוּן צוּלֵייגְן אַ הַאנְט, אוֹיפְקֶערְן אוֹיפְוַואשְׁן אוּן דָאס גְלַייכְן, וָואס אַ אִינְגֶערְמַאן קֶען בַּאוַוייזְן צוּ מַאכְן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט וָואלְט פַאר דִי פְרוֹי אַלֵיין גֶענוּמֶען אַפָּאר שָׁעָה, אוּן אֲפִילוּ אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַ פְרוֹי וָואס וִויל נִישְׁט אַז דֶער מַאן זָאל הֶעלְפְן, דַארְף עֶר נָאךְ אַלְץ אוֹיף אַלֶע עֶרְלֵיי וֶועגְן זֶען אַז דֶער שַׁבָּת זָאל אַרַיינְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה.

### פוּן אַ פְרֵיילִיכֶער שַׁבָּת הָאט מֶען רֶיוַח אַגַאנְצֶע וָואךְ

דִי שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז פַאר שַׁבָּת אַלֵיין, דִי הַשְׁפָּעָה בְּלַייבְּט פַאר דִי גַאנְצֶע פוּלֶע וָואךְ, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסְפַאַרַא שֶׁפַע עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גַאנְצֶע וָואךְ, וַוייל אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת פוּן אַגַאנְצֶע וָואךְ קוּמֶען נָאר פוּן שַׁבָּת (זֹהַר יִתְרוֹ דַף פח ע״ב). אַז אַ

אִיד אִיז זוֹכֶה און עֶר אִיז אַ גַאנְץ שַׁבָּת נָאר פְרֵיילִיךְ, בַּאשַׁאפְט עֶר אַזֶעלְכֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע מַלְאָכִים וָואס זֵיי זֶענֶען נָאכְדֶעם מַמְלִיץ טוֹב פַאר אִים און זֵיי הֶעלְפְן אִים אַגַאנְצֶע וָואךְ, דֶערְפַאר דַארְף אַ פָּארְפָאלְק זֶען מִיט אַלֶע כֹחוֹת צוּ לֶעבְן מִיט פְרִידְן און שָׁלוֹם אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אַזוֹי וֶועט שׁוֹין אַגַאנְצֶע וָואךְ אוֹיךְ זַיין לִיבְּשַׁאפְט און שָׁלוֹם בַּיִת, דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף אַזוֹי פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִין שְׁטוּב אוּם שַׁבָּת, אַז עֶס זָאל שׁוֹין נִישְׁט זַיין מִיט וֶועמֶען זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אֲפִילוּ אַז אֵיינֶער רֶעגְט זִיךְ גִיפְט זִיךְ און בְּלָאזְט נָאךְ, וֶועט עֶר זִיךְ גַאנְץ שְׁנֶעל מוּזְן בְּרֶעכְן פוּן פִיל פְרֵיילִיכְקֵייט און שִׂמְחָה וָואס וֶועט הֶערְשְׁן אִין שְׁטוּב, און דַאן וֶועט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיךְ זַיין גָאר אַן אַנְדֶערֶע שְׁטוּב.

**עֶס אִיז דָא מִיט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען אִין שַׁבָּת**

**יֶעצְט** אַז עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ פְרִישֶׁע וָואךְ, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז אַ נֵייעֶ וָואךְ וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען און וֶועט קֵיינְמָאל מֶער נִישְׁט זַיין, און גְלַייךְ פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ זִיךְ

שׂוֹין צוּגְרֵייטְן צוּם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת, וִוי אַזוֹי גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּ? דוּרְךְ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אַגַאנְצֶע וָואךְ, מֶען הֵייבְּט אָן פוּן זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים סִימָן רפ״ה, סְעִיף ג), אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם קֶען מֶען דוּרְכְגֵיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה בִּיז פְרַייטָאג, וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט דִי גַאנְצֶע וָואךְ אַן אַנְדֶערֶע בַּאדֵייט, אַן אַנְדֶערְן גֶעשְׁמַאק, אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה קֶען מֶען טְרֶעפְן אַלֶע נֵייעֶס פוּן דִי וֶועלְט, וֶוער זָאגְט נָאךְ אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּקוּקְן אַבִּיסְל רַמְבַּ״ן הַקָדוֹשׁ, אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ, חֲסִידִישֶׁע סְפָרִים אוֹיף דִי פַּרְשָׁה, אִיז דָאךְ מַמָשׁ אַ מְחַיֶה, עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע וָואךְ אִינְגַאנְצְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, בִּפְרַט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּט עֶר אִיז זוֹכֶה אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען מֶדְרָשׁ, נָאכְדֶעם וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֵיין דֶער פְרִישֶׁער שַׁבָּת הָאט עֶר זִיךְ מִיט וָואס צוּ מְחַיֶה זַיין, מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, עֶר קוּמְט בָּרוּךְ

הַשֵּׁם אַרַיין אִין דֶעם שַׁבָּת מִיט דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה, מִיט אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, מִיט אַזוֹיפִיל דַפִּים גְמָרָא, עֶס אִיז דָא מִיט וָואס אַרַיינְצוּקוּמֶען אִינֶעם שַׁבָּת, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה פוּן שַׁבָּת, וַוייל פוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוּן אַלֶע גוּטֶע גֶעדַאנְקֶען וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַגַאנְצֶע וָואךְ הָאט עֶר בַּאשַׁאפְן אַזוֹיפִיל לֶעכְטִיגֶע מַלְאָכִים, וָואס זֵיי בַּאגְלֵייטְן אִים נָאכְדֶעם אַרַיין אִין שַׁבָּת, אוּן עֶר פִילְט אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִינְגַאנְצְן (עַיֵּין בַּאֲרִיכוּת בְּבִאוּר "זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל" אוֹת א, לְמוֹהֲרָא"ש ז"ל).

**דוּרְךְ מְלַוֶּה מַלְכָּה צִיט מֶען דִי שִׂמְחָה אוֹיף אַגַאנְצֶע וָואךְ**

**מִיר** גֶעפִינֶען וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר זִיךְ בַּאגֶעגֶענְט מִיט צְוֵויי מַחֲנוֹת מַלְאָכִים (בְּרֵאשִׁית לב, ב). זָאגְן חֲזַ"ל (תַּנְחוּמָא וַיִּשְׁלַח, ג): בִּיז יֶעצְט הָאבְּן אִים בַּאגְלֵייט דִי מַלְאָכִים פוּן חוּץ לָאָרֶץ יֶעצְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי מַלְאָכִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּאגְלֵייטְן, אִין חוּץ לָאָרֶץ אִיז דָא אֵיין סָארְט מַלְאָכִים, אִין אֶרֶץ

יִשְׂרָאֵל אִיז דָא אַנְדֶערֶע סָארְט מַלְאָכִים, דָא הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעטְרָאפְן בֵּיידֶע מַחֲנוֹת מַלְאָכִים. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ שַׁבָּת אִיז אוֹיךְ דָא אַנְדֶערֶע סָארְט מַלְאָכִים וְוִי אַגַאנְצֶע וָואךְ, שַׁבָּת אִיז אַ מֶענְטְשׁ זַייעֶר פְרֵיילִיךְ זֶענֶען דִי מַלְאָכִים פוּן שַׁבָּת אוֹיךְ פְרֵיילִיכֶע מַלְאָכִים, אָבֶּער אַז שַׁבָּת אַלֵיין אִיז לֶעכְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אִיז נָאכְנִישְׁט גֶענוּג, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶען צוּ אָנְצִיעֶן דִי לֶעכְטִיגְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן שַׁבָּת אוֹיךְ אוֹיף דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב), דָאס גֶעשֶׁעהט וֶוען מֶען מַאכְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת מְלַוֶה מַלְכָּה, אַז מֶען בַּאגְלֵייט דֶעם מַלְכָּה שַׁבָּת, שְׁלֶעפְּט מֶען מִיט דִי קְדוּשָׁה פוּן שַׁבָּת אוֹיךְ אוֹיף דִי וָואכְן טֶעג, דֶערְפַאר אִיז עֶסְן מְלַוֶה מַלְכָּה אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ.

ב

### אִינֶעם עֶרְגֶסְטְן אִיד אִיז אוֹיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער

**שְׁטֵייעֶנְדִיג** אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וֶוען מִיר טְרֶעטְן אַרַיין אִין חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, גֶעבְּט אוּנְז דָאס אַ

מוֹרָא׳דִיגֶער הִתְחַזְּקוּת אִין לֶעבְּן, לוֹיט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ז, אוֹת יא), אַז כִּסְלָיו אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (שְׁמוֹת ג, ד): וַ׳יַּרְא יְ׳יָ כִּ׳י סָ׳ר לִ׳רְאוֹת. דֶער פָּסוּק שְׁטֵייט וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען פַּאשְׁן דִי שָׁאף פוּן זַיין שְׁוֶוער יִתְרוֹ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דַאן גֶעגַאנְגֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב מֹשֶׁה דָוִד זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען שָׁאף פַּאסְטוּכֶער, זֵייעֶר צִיל אִיז גֶעוֶוען זֵיי זָאלְן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן נָאר זִיךְ קֶענֶען מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים (עַיֵּין רַבֵּינוּ בְּחַיֵּי וּכְלֵי יָקָר שְׁמוֹת ג, א), ווַייל אַז מֶען טְרַאכְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז שׁוֹין דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֵייט זִיךְ אַזוֹי מִתְבּוֹדֵד זַיין, פְּלוּצְלִינְג זֶעט עֶר אַז עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר אִין אַ דָארְן בּוֹים אָבֶּער דֶער דָארְן וֶוערְט נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט (שָׁם ג, ב), דָאס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר אִינְטֶערְסַאנְט, ווִי קֶען זַיין אַז דִי פֵייעֶר בְּרֶענְט אַזוֹי לַאנְג אוּן נָאכְאַלְץ וֶוערְט דֶער דָארְן נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט? מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט אַזַא מוֹרָא׳דִיגֶער מַרְאֶה מוּז אִיךְ גֵיין זֶען פוּן

דֶער נָאנְט (שָׁם ג, ג), רַשִׁ"י זָאגְט דֶעם לָשׁוֹן: אָסוּרָה מִכַּאן לְהִתְקַרֵב שָׁם - אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דַאנֶעט אוּן נָאנְט גֵיין אַהִין. זָאגְן חֲזַ"ל (עַיֵין שַׁבָּת סז): דֶער דָארְן וַוייזְט אוֹיף אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי זֶענֶען אַזוֹי וִוי אַ דָארְן וָואס שְׁטֶעכְט. דָאס הֵייסְט גֶעוֶוענְטְלִיךְ אַ אִיד אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים וָואס וַואקְסְט פוּן דֶעם אַרוֹיס פֵּירוֹת (דְבָרִים כ, יט; וְעַיֵין תַּעֲנִית ז, ע"א), אַז אַ אִיד טוּט מִצְוַת אִיז עֶר אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים וָואס גֶעבְּט אַרוֹיס פֵּירוֹת, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ גָאר גָאר וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט אוּן מִצְוֹת, אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג שְׁטֶעכְט עֶר נָאךְ אוֹיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר גְלַייךְ צוּ אַ דָארְן בּוֹים וָואס הָאט גָארְנִישְׁט נָאר עֶס שְׁטֶעכְט, דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ בַּיי דִי סְנֶה, אַז עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ אִין יֶעדְן אִיד, וַוייל אֲפִילוּ אִין דֶעם עֶרְגְסְטְן אִיד אִיז דָארְט אוֹיךְ דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער, וִוי נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזֶען אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ קְלֶערְט אַרַיין אִין דֶעם, הָאט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאוִויזְן

צוּ אִים, אוּן אִים גֶערוּפְן פוּן דֶעם דָארְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת ג, ד): וַ׳יַרְא יְ׳יָ כִּ׳י סָ׳ר לִ׳רְאוֹת, וַיִּקְרָא אֵלָיו אֱלֹקִים מִתּוֹךְ הַסְּנֶה וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת כִּסְלֵיו.

## אַ צַדִיק מַאכְט לֶעכְטִיג פַאר אַ מֶענְטְשׁ

**אִין** חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו גֶעפַאלְט שְׁטֶענְדִיג חֲנוּכָּה, אִין חֲנוּכָּה הָאט מֶען צוּרִיק בַּאנֵייט דֶעם בֵּית הַמִקְדָּשׁ נָאכְדֶעם וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן אַלֶעס מְטַמֵא גֶעוֶוען, אוּן אִין דֶעם זֶעלְבְּן חוֹדֶשׁ וֶועט מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּם אוֹיפְבּוֹי פוּנֶעם דְרִיטְן בֵּית הַמִקְדָּשׁ, וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּנֶעם בֵּית הַמִקְדָּשׁ? אַז דָארְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעלָאכְטְן זֵייעֶר אָפְן, אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען נָאר לֶעכְטִיג, וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תְּצַוֶּה ו׳): אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען דִי פֶענְסְטֶער שְׁמָאל פוּן אִינֶעוֵוייניג אוּן בְּרֵייט פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אַנְדֶערְשׁ פוּן גֶעוֶוענְלִיךְ וָואס אִינֶעוֵוייניג אִיז דִי פֶענְסְטֶער

בְּרֵייט, כְּדֵי עֶס זָאל אַרַיינְשַׁיינֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַרַיין, אָבֶּער בַּיים בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט דֶער לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן אִינֶעוֵוייניג אַרוֹיסְגֶעשַׁיינְט פַאר אִינְדְרוֹיסְן. אַז אֵיינֶער אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אִים אַזוֹי לֶעכְטִיג גֶעוָוארְן אַז זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן הָאט אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ אַז אֵיינֶער הָאט חָלִילָה וְחַס גֶעזִינְדִיגְט אוּן עֶס אִיז פוּן אִים גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס דַאן הָאט זִיךְ אִים צוּרִיק אָנְגֶעצִינְדְן דֶער לִיכְט וָואס דָאס אִיז זַיין נְשָׁמָה, אוּן עֶר הָאט וִוידֶער גֶעשְׁפִּירְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

### לָאז מִיךְ זֶען פוּן וָואס דוּ רֶעדְסְט

**זָאגְט** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם), דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּן אַ מַנְהִיג אִיז אוֹיךְ נָאר אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אַ אִיד אַז עֶר זָאל אַנֶערְקֶענֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דִי

אֱמֶתְ׳עֶ צַדִיקִים מִיט זֵייעֶר רַחְמָנוּת לָאזְן זִיךְ אַרָאפּ אוּן קוּקְן זִיךְ אוּם אוֹיף אוּנְזֶער נִידְרִיגְן מַצָב, אוּן זֵיי הֵייבְּן אוּנְז אוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס גֵייט זֵיי אִין לֶעבְּן אַז יֶעדֶער אִיד זָאל שְׁפִּירְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, זַיין גַאנְצֶע גֶערֶעדֶעכְץ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען דוּרְךְ וָואס עֶר רֶעדְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי ב, ו) : מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה - פוּן דִי מוֹיל וֵוייסְט מֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט. אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן גֶעלְט אוּן נָאכְאַמָאל פוּן גֶעלְט אוּן וַוייטֶער פוּן גֶעלְט, אִיז אַ בַּאוַוייז אַז דָאס טְרַאכְט עֶר, רַחֲמָנָא לִיצְלָן אַז אֵיינֶער רֶעדְט פוּן נִיאוּף אוּן וַוייטֶער נִיאוּף אוּן וִוידֶערְאוּם פוּן נִיאוּף, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז עֶר אַלֵיין, דֶער מוֹיל אִיז אַ מָסוּר, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אוֹיס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דֶער בַּעַל-שֵׁם הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין זָאגְט אוֹיס פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶר טוּט נָאר עֶר כַאפְּט נִישְׁט, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן סו אוֹת ד) : וָואס אַ

מֶענְטְש טְרַאכְט מוּז דוּרְכְגֵיין זַיין מוֹיל. צוּ עֶר ווִיל יָא צוּ עֶר ווִיל נִישְׁט וֶועט עֶר דָאס אַרוֹיסְזָאגְן, דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ אִיז אִין דֶעם גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר הָאט גֶעקֶענְט יֶעדְן מֶענְטְש נָאר דוּרְכְן הֶערְן וָואס יֶענֶער רֶעדְט, ווִי דִי גְמָרָא אִיז מְרַמֵז מִיטְן לָשׁוֹן (חוּלִין יז, ע״ב) ׳רַב שֵׁשֶׁת בָּדִיק בְּרֵישׁ לִישְׁנֵיה׳ – רַב שֵׁשֶׁת הָאט בַּאקוּקְט מִיטְן צִינְג. וַוייל מִיטְן צִינְג וָואס מֶען רֶעדְט קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען דֶעם גַאנְצְן מֶענְטְש, אַז אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ אַיין צוּ רֶעדְן נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַ סִימָן אַז דָאס טְרַאכְט עֶר, בִּיז אַ מֶענְטְש אִין דֶער זַייט וואוּנְדֶערְט זִיךְ, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע דִיבּוּרִים, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְסְטוּ פוּן בַּאשֶׁעפֶער? יָא זִיכֶער רֶעד אִיךְ נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען רֶעדְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען טְרַאכְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז מֶען מְקַיֵים אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן אֱמוּנָה, וָואס אִין דִי מִצְוָה אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אַלֶע מִצְוֹת, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִים קיט, פו), כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה - אַלֶע מִצְוֹת בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְש צוּ אֱמוּנָה.

## זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן קַיין שׁוּם בָּחוּר

משֶׁה רַבֵּינוּ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג פוּן אִידְן, עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד, הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אַרַיינְקוּקְן אִין דֶעם מַרְאֶה וָואס עֶר זֶעט, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן פַארְוָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ אִים אַנְטְפְּלֶעקְט אִין אַ דָארְן, צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ דָארְטְן אִיז אוֹיךְ דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הֵייסְט מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן קַיין שׁוּם בָּחוּר, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אַ בָּחוּר וֶועגְן דֶעם טַעַם אָדֶער יֶענֶעם טַעַם, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס דֶער תֵּירוּץ אִיז - הָאט יֶעדֶער בָּחוּר אַ תַּקָּנָה, מֶען דַארְף וִויסְן אַז אִין יֶעדְן בָּחוּר אִיז דָא אַ לֶעכְט, יֶעדֶער אִיד הָאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, נָאר וָואס דֶען נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען אִים דָאס אָנְצִינְדְן.

## אִיר הָאט שׂוין נִישְׁט קַיין פוּנְק

**אִין** דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאוְויסְטֶער מַגִיד, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זָאגְן הֶערְלִיכֶע צִיעֶנְדִיגֶע מַגִידוּת גֶעפְלָאכְטְן מִיט שֵׁיינֶע מְשָׁלִים, מִיט דֶעם הָאט עֶר מְקַרֵב גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וַיְהִי הַיוֹם הָאט זִיךְ אִים אָנְגֶעטְרָאפְן צְוֵויי אִינְגֶעלַייט, וָואס צוּ זֵיי הָאט עֶר גֶערֶעדְט אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט, עֶס הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעקְלִיקְט, וִויפִיל עֶר הָאט נָאר פְּרָאבִּירְט זֵיי מְעוֹרֵר זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיסְגֶעלַאכְט, וֶוען דֶער מַגִיד הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֶעלוּנְגְט אִים נִישְׁט זֵיי מְעוֹרֵר צוּ זַיין הָאט דָאס אִים זֵייעֶר גֶעאַרְט אוּן דֶערְנֶעוִוירְט, רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, אִיךְ וֶועל עֶרְקְלֶערְן וָואס אַ מַגִיד אִיז מִיט אַ מָשָׁל צוּ אַ שְׁמִידֶער, אַ שְׁמִידֶער הָאט פַאר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַ פוּנְק פֵייעֶר, אוּן וֶוען עֶר דַארְף נוּצְן פֵייעֶר בְּלָאזְט עֶר אוֹיף דֶעם פוּנְק מִיט אַ בְּלָאזֶער, דַאן קוּמְט אַרוֹיס אַ פְלַאם, אַזוֹי קֶען עֶר סַאדֶערְן דִי זִילְבֶּער אָדֶער דִי

גָאלְד, אַזוֹי – פִּירְט עֶר אוֹיס – הָאט יֶעדֶער אִיד אַ פּוּנְק, מֶען דַארְף נָאר אוֹיפְבְּלָאזְן דֶעם פּוּנְק, דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מַגִיד אוֹיפְצוּבְּלָאזְן דֶעם פּוּנְק פוּן אַ אִיד בִּיז עֶס פְלַאקֶערְט אוֹיף, אִיר אָבֶער – הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין פּוּנְק אוֹיךְ נִישְׁט, דֶערִיבֶּער ווִיפִיל אִיךְ זָאל נָאר רֶעדְן הֶעלְפְט דָאס נִישְׁט.

### אֶפְשָׁר בִּיסְטוּ נִישְׁט דֶער בְּלָאזֶער

**וֶוען** מֶען הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ, עֶר הָאט זִיךְ דַאן אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: אַ פּוּנְק הָאט יֶעדֶער אִיד, נָאר אֶפְשָׁר בִּיסְטוּ נִישְׁט דֶער בְּלָאזֶער! אַז דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט צוּ זָאגְן אַז יֶענֶער הָאט שׁוֹין נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין פּוּנְק, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, יֶעדֶער אִיד הָאט אַ פּוּנְק, עֶר דַארְף נָאר טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן בְּלָאזֶער וָואס קֶען אוֹיךְ אוֹיפְבְּלָאזְן זַיין פּוּנְק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיין תַּלְמִיד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, זֵיי שְׁטַארְקְן אוּנְז, זֵיי מַאכְן אוּנְז

פְרֵיילִיךְ, זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז אַז יֶעדֶער בָּחוּר הָאט אִין זִיךְ אַ פּוּנְק, אוּן יֶעדְן בָּחוּר קֶען מֶען אוֹיפְהֵייבְּן, מֶען טָאר זִיךְ פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ מְיַיאֵשׁ זַיין זִיךְ פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דֶער עִיקָר אִיז נָאר שִׂמְחָה, אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען לֶעבֶּעדִיגְקֵייט אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט אִין אַ מֶענְטְשׁ, דֶעמָאלְטְס טוּישְׁט זִיךְ אַלֶעס בַּיי אִים צוּם גוּטְן.

### רֶבִּי שִׂמְחָה'לֶע מִיט זַיין צְדָקָה זַאק

**אִין** אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד רֶבִּי שִׂמְחָה'לֶע, שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ אַ סְגוּלָה אַז וֶוער עֶס הָאט אִים נָאר אָנְגֶעקוּקְט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמֵייכְלְן אוּן צוּ לַאכְן, זַיין זַאךְ אִיז גֶעוֶוען צוּ גֵיין נָאךְ צְדָקָה אוּן דָאס פַארְטֵיילְן, אָבֶּער אַבִּיסְל אוֹיף אַן אַנְדֶערְן וֶועג ווִי אַזוֹי אוּנְזֶערֶע לַייט זֶענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צְדָקָה, דֶער רֶבִּי שִׂמְחָה'לֶע הָאט גֶעהַאט אַ זַאק, מִיט דֶעם זַאק אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פוּן הוֹיז צוּ הוֹיז פוּן טִיר צוּ טִיר מֶען זָאל אִין דֶעם אַרַיינְוַוארְפְן עֶפֶּעס

עֶסְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי אָרֶעמְקֵייט וָואס הָאט אַמָאל גֶעהֶערְשְׁט אִין אוּמַאן, וָואס הָאט מֶען שׁוֹין גֶעקֶענְט גֶעבְּן, אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, אַ שְׁטִיקְל חַלָּה, אַ צְוִויבֶּעלֶע, אַ שְׁטִיקְל קְנָאבְּל, אַ רֶעטֶעךְ, יֶעדֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִינְדֶערְהֵיים דָאס הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם זַאק, דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי שִׂמְחָה׳לֶע גֶעקוּמֶען מִיטְן זַאק אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַרַיין, עֶר הָאט דָאס אוֹיסְגֶעגָאסְן אוֹיפְן טִישׁ, אוּן דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען, אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז אַ שְׁטִיקְל חַלָּה אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶער קֶרֶן.

### פַאר רֶבִּי שִׂמְחָה׳לֶע גֶעבְּט יֶעדֶער

**מַאכְט** זִיךְ אַמָאל אַז עֶר קוּמְט אַרַיין מִיטְן זַאק צוּ אַ גְרוֹיסְן עוֹשֶׁר אִין שְׁטוּבּ [אוּמַאן הָאט אוֹיךְ פַארְמָאגְט עֲשִׁירִים], דֶער עוֹשֶׁר רוּפְט זִיךְ צוּ אִים גְלַייךְ אָן: אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גָארְנִישְׁט, גֵייט פוּן דָא לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם! אַזוֹי, דוּ הָאסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט? גֵייט רֶבִּי שִׂמְחָה׳לֶע אַרַיין אִין זַיין דֵיינוּנְג רוּם אוּן עֶר גִיסְט

אוֹיס דֶעם גַאנְצְן זַאק אוֹיפְן טִישׁ: דָא הָאסְטוּ דִי בְּרוֹיט דִי קְנָאבְּל דִי צְוִויבְּל, אַלֶעס אִיז פַאר דִיר! צֶעמִישְׁטֶערְהֵייט שְׁפְּרִינְגְט דֶער עוֹשֶׁר אוֹיף: וָואס הָאסְטוּ מִיר דָא אָנְגֶעמַאכְט? בַּאלְד וֶועט מַיין וַוייבּ אַרַיינְקוּמֶען אוּן זֶען דֶעם חוּרְבָּן... טוּ מִיר אַ טוֹבָה נֶעם עֶס צַאם וָואס שְׁנֶעלֶער. אָבֶּער רֶבִּי שִׂמְחָה'לֶע הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר עֶנְטְפֶערְט אִים מִיט אַ רוּאִיגְן אָבֶּער זִיכֶערְן פָּנִים: דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעזָאגְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעגֶעבְּן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן מִיט שֶׁפַע! עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן עֶר הָאט דָאס אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעהַאט יֶענֶעם חַיִים טוֹבִים... פוּן דֶעמָאלְטְס אָן וֶוען רֶבִּי שִׂמְחָה'לֶע אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים, הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעגֶעבְּן, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט נָאכְאַמָאל טְרֶעפְן מִיטְן גַאנְצְן זַאק אוֹיפְן טִישׁ...

## אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט נָאר צוּ גֶעבְּן

רֶבִּי שִׂמְחָה'לֶע פְלֶעגְט אַלְץ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ', וְעוֹד הַרְבֵּה), וֶוען עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר דָארְט וַוייטֶער גֶעטוּן דִי זֶעלְבֶּע אַרְבֶּעט, וִוי נָאר עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן שׁוּל הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט מִיט זִיךְ דֶעם זַאק, מִיט וָואס עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן טִיר צוּ טִיר אוּן גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ מֶען הָאט עֶפֶּעס אַרַיינְצוּלֵייגְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן אִין דֶער זַייט וָואס הָאבְּן אָנְגֶעקוּקְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ וִוי עֶפֶּעס אַ חוֹזֶק זַאךְ, אָבֶּער עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוִויסְט פוּן זַיינֶע אָרֶעמֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט דָאס בִּיסְל עֶסְן, זֶעט מֶען פוּן דֶעם צוּ וָואס שִׂמְחָה קֶען בְּרֶענְגֶען, בַּיי אַ פְרֵיילִיכְן מֶענְטְשׁ עֶפֶענְט זִיךְ דֶער מֹחַ אַזוֹי שְׁטַארְק אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן פַאר יֶענֶעם, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶע בְּרָכָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא פַארְגֶענִיגְן

וִוי אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן פַאר יֶענֶעם, פַארְקֶערְט אוֹיךְ דִי עֶרְגְסְטֶע קְלָלָה אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס וַוארְט נָאר מֶען זָאל אִים גֶעבְּן, שְׁטֶענְדִיג קְרֶעכְצְט עֶר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט! טוּ מִיר אַ טוֹבָה גֶעבּ מִיר, גֶעבּ מִיר, גֶעבּ מִיר, דָאס אַ מוֹרָא׳דִיגֶער קְלָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

**אַז אַ פְרוֹי בֶּעט גֶעלְט אִיז נִישְׁטָא קַיין נֵיין**

**אָפְּגֶערֶעדְט** בַּיי אַ אִינְגֶערְמַאן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען אִין דִי כְּתוּבָּה אַז עֶר וֶועט שְׁפַּייזְן זַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעבְּן אִירֶע גֶעבְּרוֹיכְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶר דַארְף דָאס נָאכְקוּמֶען, אַז אַ פְרוֹי בֶּעט גֶעלְט טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט זָאגְן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז מֶען הָאט נִישְׁט, וֶועסְטוּ אָבֶּער פְרֶעגְן: לְמַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעלְט פַאר אִיר? דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז דוּ וֶועסְט אִיר מְכַבֵּד זַיין, טֵייעֶר הַאלְטְן אוּן שֶׁעצְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ גֶעלְט, וַוייל דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר דוּרְךְ דִי פְרוֹי (לִקּוּטֵי

מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן סט), וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא מְצִיעָא נט ע"א): אוֹקִירוּ לִנְשַׁיכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ - רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן אִין זַיין שְׁטָאט, זַייט מְכַבֵּד אוּן שֶׁעצְט אַייעֶרֶע וַוייבֶּער וֶועט אִיר זַיין רַייךְ. אַז דוּ וִוילְסְט זַיין אַן עוֹשֶׁר זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, וַוייל דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט נָאר דוּרְךְ אִיר, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם), אַז פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אַז וֶוען מֶען אִיז מְקַדֵּשׁ אַ פְרוֹי מִיט גֶעלְט מֶען נֶעמְט אַ רִינְגְל וָואס אִיז אַ שְׁטִיקְל זִילְבֶּער, וֶוערְט זִי מְקֻדָּשׁ, וַוייל וִוי נָאר זִי זֶעט דִי שְׁטִיקְל כֶּסֶף, וָואס דָאס קוּמְט פוּן אִיר שׁוֹרֶשׁ, דָאס גֶעהֶערְט צוּ אִיר זַייט, וֶוערְט זִי פְרֵיילִיךְ אוּן זִי וֶוערְט גְלַייךְ מְקֻדָּשׁ צוּ אִיר מַאן.

### מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען מֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם

חֲזַ"ל זָאגְן (תְּמוּרָה טז, ע"א): אַ פְרוֹי וִוי נָאר עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים נֶעמְט זִי זִיךְ שְׁרַייעֶן. דַארְף אַ קְלוּגֶער מַאן זֶען אַז עֶס זָאל בִּכְלַל נִישְׁט צוּקוּמֶען אַז זִי זָאל דַארְפְן שְׁרַייעֶן, אַז אַ

אִינְגֶערְמַאן אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן דֶער מֹחַ אִיז אִים אָפְן, זָארְגְט עֶר גְלַייךְ אַז עֶס זָאל אַלֶעס זַיין אִין שְׁטוּבּ, אוּן אֲפִילוּ אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט אַלֶעס אוֹיף דֶער מִינוּט זָאגְט עֶר אִיר צוּ וָואס זִי וִויל, אַבִּי עֶס זָאל זַיין רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (עֵרוּבִין ק׳ ע״ב): וֶוען נִישְׁט דִי תּוֹרָה וָואלְט מֶען זִיךְ גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן דָאס צַאמְ-לֶעבְּן פוּן דִי חַיוֹת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וִוי אַ הָאן בֶּעט אִיבֶּער דֶעם הִין, עֶר זָאגְט אִיר צוּ צוּ קוֹיפְן אַ שֵׁיינֶע לַאנְגֶע קְלֵייד אוּן אַזוֹי לֶעבְּן זֵיי צוּזַאמֶען בְּשָׁלוֹם. זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי מֶען קֶען מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל בַּאוַויין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ שִׂמְחָה אוּן אַ לִיבְשַׁאפְט אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

## דִי מַעֲלָה פוּן פְרוֹיעֶן

**רֹאשׁ** חוֹדֶשׁ אִיז אַ יוֹם טוֹב סְפֶּעצִיעֶל פַאר פְרוֹיעֶן, עֶס אִיז אֲפִילוּ דָא זַאכְן וָואס פְרוֹיעֶן פִירְן זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן לְכָבוֹד רֹאשׁ חוֹדֶשׁ (עַיֵין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים סִימָן תיז), פַארְוָואס הָאבְן זֵיי בַּאקוּמֶען דֶעם יוֹם טוֹב? וַוייל זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְן קַיין

חֵלֶק אִינֶעם חֵטְא הָעֵגֶל, זֵיי הָאבְּן אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן קַיין גָאלְד פַארְן עֵגֶל, דִי מֶענֶער הָאבְּן זֵיי דָאס צוּגֶענוּמֶען מִיט גֶעוַואלְד, הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט אוּן גֶעגֶעבְּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ פַאר אַ יוֹם טוֹב (עַיֵין בְּטוּר שָׁם), פוּן דֶעם זֶעט מֶען דִי מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה פוּן אַ פְרוֹי, וְוִי אִיר כֹּחַ אִין אֱמוּנָה אִיז נָאךְ אַסַאךְ מֶער וְוִי אַ מַאן, זִי וְוִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק אִינֶעם עֵגֶל וָואס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לג): בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה, אוּן וָואס מֵיינְט אִיר אִיז אֱמוּנָה? אַזוֹי וְוִי פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער גְלֵייבְּן, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת. בַּיי אֱמוּנָה אִיז וָואס פָּשׁוּטְ'עֶר אַלְץ בֶּעסֶער, פּוּנְקְט וְוִי אַ אִידֶענֶע וָואס זָאגְט אוּן בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט, וְוִי מִיר הָאבְּן גֶעזֶען דִי אַלְטֶע בַּאבֶּע הָאט גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבֶּעטְן, אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אַלֶע זַיין.

## דִי סְגוּלָה פַּאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער

**צוּם** הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פְרוֹי אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט אוֹיף אִיר זוּן, זִי הָאט אוֹיף אִים צַאמְגֶעזָאגְט אַלֶע מִינֵי שְׁלֶעכְטְס, טְרַאכְטְנְדִיג אַז דֶער חָפֵץ חַיִים וָואס בַּיי אִים אִיז אַזוֹי הַארְבּ לָשׁוֹן הָרָע וֶועט זִיךְ זִיכֶער דֶערְשְׁרֶעקְן, עֶר וֶועט אִיר גְלַייךְ אָנְוְוינְטְשְׁן אַז עֶר זָאל זִיךְ טוֹישְׁן, דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים אִיז שׁוֹין דַאן גֶעוֶוען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט זִי זָאל וַוארְטְן אֵיין מִינוּט, עֶר נֶעמְט אֵיין בֶּענְקְל עֶר לֵייגְט דָאס אַרוֹיף אוֹיף נָאךְ אַ בֶּענְקְל, אַזוֹי שְׁטְרֶענְגְט עֶר זִיךְ אָן בִּיז עֶר קְרִיכְט אַרוֹיף צוּם שְׁפִּיץ פוּן זַיין סְפָרִים שַׁאפֶע, עֶר נֶעמְט פוּן דָארְט אַרוֹיס אַן אַלְטְן תְּהִלִים, דֶער תְּהִלִים אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרָאבּ אוּן אוֹיפְגֶעשְׁוָואלְן פוּן אַזוֹיפִיל טְרֶערְן אוּן גֶעוֵויינֶען וָואס מֶען הָאט דָארְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים רוּפְט זִיךְ אָן צוּ דִי פְרוֹי: זֶעסְט, דָאס אִיז מַיין מַאמֶעס תְּהִלִים, אִין דֶעם הָאט

זִי אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט פַאר מִיר! דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִים'ל אוּן אוֹיךְ וֵויינֶען פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶועט אִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְ'ס הִילְף זֶען אַסַאךְ עֶרְלִיךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי.

### אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד מוּז הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת

**וֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז אַ פְרוֹי הָאט אִין זִיךְ מוֹרָא'דִיגֶע כֹּחוֹת, זִי וֵוייסְט נָאר נִישְׁט וָואסְפַארַא כֹּחוֹת זִי פַארְמָאגְט, אָבֶער אִינְגֶעלַייט דַארְפְן הָאבְּן שֵׂכֶל אוֹיסְצוּנוּצְן דִי מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעשָׁאנְקֶן, וִוי אַזוֹי נוּצְט מֶען דָאס אוֹיס? נִישְׁט דוּרְךְ זִיךְ שַׁאפְן אוּן אַיינְטֵיילְן פַאר דִי פְרוֹי יֶעדֶע זַאךְ וָואס צוּ טוּן, נָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט מִיט מְכַבֵּד זַיין טֵייעֶר הַאלְטְן אוּן שֶׁעצְן דִי פְרוֹי, מִיט רַחְמָנוּת הָאבְּן הֶעלְפְן אוּן אוֹיסְהֶערְן דִי פְרוֹי, מִיט חָשׁוּב הַאלְטְן אוּן אוֹיפְהֵייבְּן דִי פְרוֹי, מִיט דֶעם בְּרֶענְגְט מֶען אַרוֹיף אִירֶע כֹּחוֹת, שָׁלוֹם בַּיִת הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָנִים רסג רסד),

דַארְפְן דָאס בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים מְקַיֵּים זַיין, מֶען דַארְף דָאס קֶענֶען אוֹיסֶענֱוויינִיג אָדֶער אָפְּדְרוּקְן [אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי אִינְהַאלְט אוֹיף אִידִישׁ] אוּן אַרוֹיפְקְלֶעבְּן אוֹיף דִי פְרִיזְשְׁדֶער, מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג זֶען אוּן גֶעדֶענְקְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מְכַבֵּד צוּ זַיין דִי וַוייבּ אוּן מַקְפִּיד זַיין אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת.

## מִיט שָׁלוֹם בַּיִת פַארְשְׁפָּארְסְטוּ אַסַאךְ קָאפּ וֵוייטָאג

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רסג): אַז דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף אַלֶע מִינֵי וֶועגְן צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי שָׁלוֹם בַּיִת פוּן אִינְגֶעלַייט כְּדֵי זֵיי זָאלְן נָאכְדֶעם קוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת. דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּנֶעם סַמֶ״ךְ-מֶ״ם אִיז צוּ צֶעבְּרֶעכְן בַּיי אַ אִינְגֶערְמַאן זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אֵיינְמָאל אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז שׁוֹין זֵייעֶר בִּיטֶער, יֶעצְט דַארְף מֶען שׁוֹין גֵיין צוּ אַ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער, דֶער שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער לָאזְט זִיךְ גוּט בַּאצָאלְן אוּן הֶעלְפְן הֶעלְפְט עֶר אַ מַכָּה, עֶר אִיז נִישְׁט

אִינְטֶערֶעסִירְט אַז עֶס זָאל בַּיי דִיר וֶוערְן שָׁלוֹם וַוייל דָאס אִיז דָאךְ זַיין פַּרְנָסָה, אַז עֶר וֶועט גְלַייךְ צוּרִיק שְׁטֶעלְן דַיין שָׁלוֹם בַּיִת פוּן וואוּ וֶועט עֶר מַאכְן דִי שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער, אַז עֶר הָאט יֶעצְט גֶעטְרָאפְן אַ גוּטֶע קִיעֶלֶע פוּן וואוּ מֶען קֶען מֶעלְקְן פַּארְוָואס זָאל עֶר דָאס פַּארְוִוישְׁן אֵיינְס צְוֵויי, וָואס הַארְט אִים דָאס צוּ אוֹיסְצִיעֶן כָאטְשִׁיג פַאר אַ יָאר צְוֵויי, דֶערְפַאר אַז אֵיינֶער נֶעמְט גֶעלְט צוּ מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים, אָבֶּער אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי שָׁלוֹם בַּיִת, דַארְף מֶען אִינְגַאנְצְן נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַזַא מַצָב, מֶען פַארְשְׁפָּארְט זִיךְ פוּן אָנְהֵייבּ דִי אַלֶע קָאפּ וֵוייטָאג אוּן מֶען לֶעבְּט אַ רוּאִיגְן לֶעבְּן.

### אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט

**אֱמֶת** אַז עֶס זָאל זַיין אִין שְׁטוּבּ פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִיז נִישְׁט פוּן דִי גְרִינְגֶע זַאכְן, עֶס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶער שְׁוֶוערֶע

נִסָיוֹן זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אִין יֶעדְן מַצָב, דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶעם אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן, מֶען דַארְף אַסַאךְ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נב), אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת זָאל עֶר קוֹדֶם בֶּעטְן אוֹיף אֵיין מִדָה נָאכְדֶעם אוֹיף נָאךְ אַ מִדָה בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה אַז עֶר צֶעבְּרֶעכְט פוּן זִיךְ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, פְרֶעגְט מֶען מִיר שְׁטֶענְדִיג אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָה זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן צוּ בֶּעטְן? דֶער תֵּירוּץ אִיז, אוֹיף שִׂמְחָה! אֵיין זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ פַאלְט שׁוֹין סֵייוְוי אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אֵיינֶער וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן, אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז פְרֵיילִיךְ וֶועט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט זַיין וַוייבּ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס דֶער מַצָב זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים אִין שְׁטוּבּ, אַלֶעס דְרֵייט מֶען אִיבֶּער צוּ אַ פְרֵיילִיכֶע שְׁטִימוּנְג.

## פְרֵיילִיכֶע אִידְן וָואס הָאבְּן פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט אַנְדֶערֶע

**עֶס** אִיז אַלְץ גֶעוֶועןְ בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִידְן וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נָאר גֶעזוּכְט וִוי מֶען קֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן, אִיךְ אַלֵיין הָאבּ גֶעקֶענְט אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע אִידְן, וָואס כָאטְשׁ זֵיי אַלֵיין הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן הָאט דָאס זֵיי גָארְנִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, נָאר פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט זֵיי הָאבְּן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת פְּרָאבִּירְט אַלֵיינְס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אֵיינְס פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת וֶועל אִיךְ אַייךְ מִיטְטֵיילְן:

## אֲפִילוּ אַזַא פְרוֹי קֶען מֶען פְרֵיילִיךְ מַאכְן

**מִיט** יָארְן צוּרִיק הָאט אִין בָּארָא פַּארְק גֶעווּאוֹינְט אַ רֶבִּי עֶר הָאט גֶעהַאט אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אָבֶּער עֶר הָאט פַארְמָאגְט אַ פְרוֹי וָואס אִיז גֶעוֶוען - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע אָפְּהִיטְן - אַן אִשָּׁה רָעָה, עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן אִיר אוֹיסְצוּשְׁטֵיין אַזֶעלְכֶע צָרוֹת אַז עֶס אִיז אַ ווּאוּנְדֶער וִוי אַזוֹי עֶר

הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, זִי הָאט אִים בַּאזִידְלְט וְויפִיל עֶס אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען, זִי הָאט אוֹיף אִים נִישְׁט גֶעקַארְגְט קַיין קְלָלוֹת, אָבֶּער אִים הָאט דָאס קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט אָנְגֶערִירְט, עֶר הָאט אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַנְשְׁטָאטְס דֶעם הָאט עֶר גֶעמַאכְט מָאדְנֶע תְּנוּעוֹת מִיט זַיינֶע פִינְגֶערְס, עֶר הָאט אַזוֹי גֶעוִויזְן אוּן גֶעשָׁאקֶלְט זַיינֶע פִינְגֶערְס אַז עֶס הָאט אִיר גֶעמַאכְט לַאכְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אוֹיף דֶעם אַלֵיין הָאט עֶר אוֹיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט, הֵייסְט דוּ מַאכְסְט מִיךְ נָאךְ לַאכְן אוֹיךְ? הָאט זִי אִים אַ שְׁטוֹיס גֶעגֶעבְּן, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעלַאכְט... דוּ לַאכְסְט נָאךְ? דוּ מַאכְסְט חוֹזֶק פוּן מִיר? הָאט זִי אִים אַ בָּאכֶע גֶעגֶעבְּן אַ צִיפּ גֶעגֶעבְּן, עֶר הָאט אָבֶּער וַוייטֶער גֶעלַאכְט אוּן גֶעמַאכְט מִיט דִי פִינְגֶער, בִּיז זִי הָאט זִיךְ גֶעבְּרָאכְן זִי הָאט אוֹיךְ גֶעמוּזְט לַאכְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז נָאכְדֶעם הָאט זִי שׁוֹין אוֹיךְ גֶעמוּזְט אוֹיפְהֶערְן שְׁלָאגְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צְוֵייטֶער מִיט וֶועם זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן וְויפִיל קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין שְׁלָאגְן אַלֵיינְס, דִי מַעֲשֶׂה הֶערְט זִיךְ טַאקֶע

זַייעֶר שֵׁיין וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט דָאס, אָבֶּער לָאמִיר זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן מִיט זָאלְן דָאס דַארְפְן מִיטְלֶעבְּן, לָאמִיר זֶען אַז דִי פְּרוֹי זָאל אוּנְז נָאר זָאגְן אֵיין וָואוְרט, וִוי מִיר וֶועלְן זִיךְ עֶפֶּענֶען אַ מוֹיל אוּן עֶנְטְפֶערְן מִיט דִי בַּאק צֵיינֶער, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מַדְרֵיגָה אַז עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעלַאכְט אוּן זִיךְ פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט אֲפִילוּ אִין דֶעם שְׁוֶוערְסְטְן מַצָּב, אַזוֹי הָאט עֶר אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ שִׂמְחָה אוּן גֶעלֶעבְּט מִיט אִיר בְּשָׁלוֹם.

### דוּרְךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ הָאט מֶען קִינְדֶער

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז וִוי נָאר עֶס אִיז דָא שִׂמְחָה אִיז דָא אַ מוֹרָא׳דִיגֶער בְּרָכָה, מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז אַלֵיין פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בְּרֶענְגֶען גֶערָאטֶענֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י׳ ע״ב): מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בָּנִים זְכָרִים - וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ

טוּן אַז עֶר זָאל הָאבְּן קִינְדֶער זְכָרִים? יְשַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ בִּדְבַר מִצְוָה - עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ מִיט אַ דְבַר מִצְוָה. אִין דֶעם חֲזַ״ל לִיגְט שׁוֹין אַלֶעס.

### מָשִׁיחַ וֶועט יֶעדְן פְרֵיילִיךְ מַאכְן

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דָאס מְקַיֵים צוּ זַיין, מִיר זָאלְן נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם פְּנֵי הַשִּׂמְחָה, וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר אִיז דֶער בֶּן הַשִּׂמְחָה [זַיין טַאטֶע הָאט גֶעהֵייסְן שִׂמְחָה], אוּן זוֹכֶה זַיין מְקַבֵּל צוּ זַיין פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, וָואס עֶר וֶועט מְגַלֶה זַיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִימוּד פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וִוי אוֹיךְ אִיז מָשִׁיחַ דִי אוֹתִיוֹת יְשַׂמַּח, וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה אִין דִי וֶועלְט אָמֵן וְאָמֵן.

**תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

# הקונטרס נדפס לזכות

## מרדכי ישראל משה
## בן רחל זלאטה ליבא

## וזוג׳ רויזא רבקה
## בת שרה שפרה

ובניהם

## יוסף אשר
## חנה